שלאַנג אין דער מדבר, אַזוי מוז דער בן־אדם
15 אויפֿגעהויבן ווערן; כדי יעדער איינער, וואָס
16 גלויבֿט אין אים, זאָל האָבֿן אייבֿיק לעבֿן׃ וואָרום
ג־ט האָט אַזוי ליבֿ געהאַט די וועלט, אַז ער האָט
געגעבֿן זײַן בן־יחיד, כדי יעדער איינער, וואָס
גלויבֿט אין אים, זאָל נישט פֿאַרלוירן ווערן, נאָר
17 האָבֿן אייבֿיק לעבֿן׃ וואָרום ג־ט האָט נישט
געשיקט זײַן זון אין דער וועלט אַרײַן, כדי צו
משפּטן די וועלט, נאָר כדי די וועלט זאָל דורך אים
18 געראַטעוועט ווערן׃ דער, וואָס גלויבֿט אין אים,
ווערט נישט געמשפּט; דער, וואָס גלויבֿט נישט,
איז שוין געמשפּט געוואָרן, ווײַל ער האָט נישט
געגלויבֿט אין דעם נאָמען פֿון דעם בן־יחיד פֿון
19 ג־ט׃ און דאָס איז דאָס משפּט׃ דאָס ליכט איז
געקומען אין דער וועלט אַרײַן, און די מענטשן
האָבֿן ליבֿער געהאַט די פֿינסטערניש ווי דאָס ליכט;
20 ווײַל זייערע מעשים זענען געווען בייז׃ וואָרום
יעדער איינער, וואָס טוט שלעכטס, האָט פֿײַנט
דאָס ליכט, און קומט נישט צו דעם ליכט, כדי זײַנע
21 מעשים זאָלן נישט אויפֿגעדעקט ווערן׃ דער אָבֿער,
וואָס טוט דעם אמת, קומט צום ליכט, כדי זײַנע
מעשים זאָלן אַנטפּלעקט ווערן, אַז זיי ווערן געטון
אין ג־ט׃

22 נאָך דעם איז ישוע אַוועק מיט זײַנע תלמידים
צום לאַנד יהודה, און איז דאָרטן פֿאַרבֿליבֿן מיט
23 זיי, און האָט טובֿל געווען׃ און אויך יוחנן האָט
טובֿל געווען אין עינון, נאָענט בײַ שלם, ווײַל
דאָרטן איז געווען אַ סך וואַסער; און מען פֿלעגט
24 קומען און זיך לאָזן טובֿל זײַן׃ וואָרום יוחנן איז
נאָך נישט געווען אַרײַנגעוואָרפֿן אין תּפֿיסה׃
25 און עס איז געקומען צו אַ מחלוקה צווישן די תלמידים